**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/23/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט לענקעסטער און וועלסוויל אלץ מערב ניו יארק געווינער פון ערשטע רונדע פון NY FORWARD גרענטס**

***ווילדעזש אָוו לענקעסטער און ווילעדזש אָוו וועלסוויל צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע***

***נייער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט אויף שוואונג פון ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ווילעדזש אָוו לענקעסטער און די ווילעדזש אָוו וועלסוויל וועלן באקומען יעדע איינע 4.5 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די ערשטע מערב ניו יארק ראיאן געווינער פון די ערשטע רונדע פון NY Forward (ניו יארק פאראויס). ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו ( Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע 'אומר ועושה' סטראטעגיע ווי די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. אלץ טייל פון די ערשטע רונדע פון NY Forward וועלן צוויי ביז דריי גרענטס פארטיילט ווערן פאר קלענערע קאמיוניטיס אין יעדע איינס פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צו שטיצן אנטוויקלונג און איינפירונג פון א שטאט-צענטער אויפלעבונג פלאן.

"ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן זענען די בלוט פון אונזער סטעיט, און מיין אדמיניסטראציע איז אנטשלאסן צו פארזיכערן אז קאמיוניטיס אין יעדע ראיאן האבן די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען בליהען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך NY Forward בויען מיר ארויף אויף די אנגייענדע הצלחה פון אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו צו צושטעלן קריטישע שטיצע פאר ניו יארק'ס קלענערע און ווייטערע קאמיוניטיס. איך בין שטאלץ צו אנאנסירן די געלטער היינט פאר לענקעסטער און וועלסוויל צו העלפן צוריקברענגען אונזערע שטאטישע צענטערן און פארשטערקערן אונזערע קאמיוניטיס פאר די קומענדיגע דור פון ניו יארקער."

[NY Forward](NY Forward) איז א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען, ארבעטנדיג האנט ביי האנט מיט די DRI צו פארשנעלערן און פארברייטערן ניו יארק'ס אויפשטייגנדע שטאט-צענטער אויפלעבונג פראיעקטן. NY Forward איז געווידמעט צו דינען קלענערע קאמיוניטיס און שטיצן לאקאלע עקאנאמיעס וועלכע האבן אפט א געפיל און היסטארישע כאראקטער וואס איז אנדערש פון גרעסערע, מער שטאטישע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס וועלכע ווערן געווענטליך פינאנצירט דורך די DRI. NY Forward קאמיוניטיס זענען פיסגייער-פריינטליכע, נישט געדיכטע געגנטער וועלכע דינען די ארטיגע קאמיוניטי און האבן א מער לאקאלע נאטור, זיך קאנצענטרירנדיג אויף די ארומיגע וואוינונגען אדער צענטרירן זיך ארום דארפישע אגריקולטורישע דעוועלאפמענט.

פונקט ווי די DRI וועט יעדע NY Forward קאמיוניטי אהערשטעלן א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט צענטער דורך א רייע פון פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו דורכגעפירט ווערן. די סטעיט דעפארטמענט וועט צושטעלן פארשטערקערטע טעכנישע הילף צו בעסער שטיצן קלענערע קאמיוניטיס וועלכע האבן מעגליך א קלענערע קאפאציטעט אלץ טייל פון דעם NY Forward פראגראם און פינאנצירן פראיעקטן וועלכע זענען אויף א פארנעם וואס איז פאסיג פאר די גרויסקייט פון די קאמיוניטי. פראיעקטן קענען אריינרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן צו פארבעסערן ספעציפישע קולטורישע, היסטארישע קוואליטעטן וועלכע פארשטערקערן די געפיל פון אויטענטישקייט אין קליינע שטעטלעך.

**<u>לענקעסטער</u>**

די ווילעדזש אָוו לענקעסטער איז א היים צו צוויי נאציאנאלע היסטארישע דיסטריקטס און א צאל היסטארישע געביידעס און סטרוקטורן וועלכע גיבן אן אייגנארטיגע כאראקטער צו די פלאץ אין די ווילעדזש'ס טראדיציאנאלע ביזנעס דיסטריקט. אין לעצטיגע יארן האט די ווילעדזש אנגעהויבן זעהן א רעוואלוציע וואס איז געקומען פון צוזאמענארבעט און פון פלאנירונג. אינוועסטירונגען אין פארשענערונגען פון עפענטליכע שטחים, פיסגייער פריינטליכקייט, גרינע שטחים, געביידע איבערבויאונג און דעוועלאפמענטס צווישן שטייענדע געביידעס העלפן טראנספארמירן לענקעסטער'ס שטאטישע צענטער צו ווערן א ווירבלנדע צענטער פון אקטיוויטעט מיט גוט-אויסגעשפרייטע פובליק טראנספארטאציע. בויענדיג אויף די פארשריט ציהלט לענקעסטער צו בויען א 21'סטע יאר-הונדערט שטאט צענטער מיט א ווירבלנדע ווילעדזש צענטער וואס היט אויף איר טראדיציאנאלע היסטארישע כאראקטער און פיסגייער פריינטליכקייט, בשעת'ן מוטיגן און שטיצן פארמערטע עקאנאמישע אנטוויקלונג, געזונטהייט און וואוילזיין פאר איינוואוינער און באזיכער, ענווייראמענט-פריינטליכע אינפראסטרוקטור און סטאנדארטן, פארשידענע טראנספארטאציע מיטלען און האוזינג אפציעס פאר צוגענגליכע פרייזן.

**<u>וועלסוויל</u>**

די ווילעדזש אָוו וועלסוויל'ס היסטארישע שטאטישע צענטער האט א באדייטנדע זאמלונג פון ארכיטעקטורישע און היסטאריש-באדייטנדע געביידעס און בענעפיטן פון איר נאענטקייט צו Alfred סטעיט קאלעדזש און Alfred אוניווערסיטעט. די חזון פון די ווילעדזש אָוו וועלסוויל איז צו אויסנוצן איר אייגנארטיגע היסטארישע שטעטל כאראקטער בשעת'ן שטופן פאר עקאנאמישע אקטיוויטעט כדי צו שאפן א קאמיוניטי וואס בליהט, איז פיסגייער פריינטליך און וואס איז א גלייכע פלאץ צו וואוינען. ארויפבויענדיג אויף לעצטיגע קאמערציעלע און אינדוסטריאלע וואוקס, זוכט וועלסוויל צו אונטערהייבן נייע פראיעקט וועלכע ברענגען אינוועסטירונג און ציהען צו נייע איינוואוינער, אריינרעכענענדיג אפהיטן און גיבן נייע באנוצן פאר היסטארישע געביידעס, אויפבויען נייע און פארשידנארטיגע האוזינג אויסוואהלן, פארבעסערן איר ביזנעס פארק און אינוועסטירן אין פארקס, טרעילס און פארשענערונגען פון עפענטליכע ערטער.

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "בויענדיג אויף די הצלחה פון אונזער שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו, ציהלט NY Forward אויף שטאטישע צענטערן אין קלענערע און ווייטערע קאמיוניטיס כדי צו פארשנעלערן די ווידער-אויפשטייג פון ניו יארק'ס בליהענדע שטאטישע צענטערן. לענקעסטער און וועלסוויל זענען די ערשטע קאמיוניטיס אין מערב ניו יארק צו בענעפיטירן פון דעם נייעם פראגראם, און איך קוק ארויס זיי צו זעהן אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער וועלכע וועלן העלפן אריינבלאזן א נייע חיול אין די קאמיוניטיס און אין די גאנצע מערב ניו יארק ראיאן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "עקאנאמישע אנטוויקלונג שטייט קיינמאל נישט אויף איין פלאץ, און מיט NY Forward רוקן מיר זיך אלע פאראויס מיט א קאנצעטרירטע צוגאנג צו אויפלעבן אונזערע קלענערע און ווייטערע קאמיוניטיס אריבער די גאנצע סטעיט. נאכפאלגנדיג די מוסטער פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו – נאר צוגעפאסט צו די גרויסקייט – וועלן די ווילעדזשעס לענקעסטער און וועלסוויל זוכן צו אויסנוצן די מערסטע פון זייערע היסטארישע שטאטישע צענטערן מיטן אנטוויקלען סטראטעגישע אינוועסטירונג פלענער פאר פראגראם פינאנצירונג וואס וועט פארשנעלערן זייער לעבעדיגקייט און צוקונפטיגע וואוקס."

**מערב ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל קאָו-טשעיר, דר. קעטערין קאַנועי-טוירנער, האט געזאגט,** "קליינע און ווייטערע קאמיוניטיס זענען די הארץ און זעלע פון מערב ניו יארק. גאווערנער האקול'ס נייער NY Forward פראגראם אנערקענט דאס, און עס וועט ארבעטן צו פאראויס טרייבן די אויפלעבונג פון די קאמיוניטיס. עס דערפריידט אונז אז אלץ מערב ניו יארק'ס ערשטע צו באקומען NY Forward געלטער, וועלן די ווילעדזשעס לענקעסטער און וועלסוויל יעדע איינע באקומען 4.5 מיליאן דאלאר צו שטיצן זייערע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער און פארשנעלערן געלעגנהייטן."

**סטעיט סענאטאר פעטריק מ. געליוואן האט געזאגט,** "אינוועסטירונגען ווי די וועלכע מיר זעהען דורך דעם NY Forward פראגראם שטיצן אונזערע קאמיוניטיס און איינוואוינער. די אנגייענדע אויפלעבונג פון די היסטארישע לענקעסטער ביזנעס דיסטריקט וועט ווייטער פארשטערקערן די לאקאלע עקאנאמיע, מוטיגן צוקונפטיגע דעוועלאפמענט און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער און באזיכער."

**סטעיט סענאטאר טאַם אָומארא האט געזאגט,** "עס איז פריידיגע נייעס אז וועלסוויל וועט בענעפיטירן פון די וויכטיגע אינוועסטירונגען פאר לאקאלע עקאנאמיעס דורך דעם NY Forward פראגראם. עס גיבט פאר לאקאלע פירער די קריטישע געלעגנהייטן צו אונטערנעמען פראיעקטן צו פארבעסערן די קוואליטעט פון אונזערע קאמיוניטיס פאר די ברייטערע בענעפיט פון ארטיגע איינוואוינער און פאמיליעס, ביזנעסער און שטייער באצאלנדע בירגער."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל דזש. נאריס האט געזאגט,** "עס איז מיר א פארגעניגן צו ארבעטן מיט גאווערנער האקול און מיט מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור צו פארזיכערן אז מיר אינוועסטירן אין די אויפלעבונג פון מערב ניו יארק קאמיוניטיס און אז מיר שטיצן די עקאנאמישע אנטוויקלונג, אינפראסטרוקטור, טראנספארטאציע און לאקאלע באדערפענישן פון קאמיוניטיס ווי לענקעסטער און אנדערע ארום אונזער ראיאן. איך קוק ארויס צו פארזעצן צו ארבעטן שווער צו ברענגען רעזולטאטן פאר מערב ניו יארק און צו פארזעצן צו וואקסן אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאָוסעף גיגליאָו האט געזאגט,** "די אינוועסטירונג פון 4.5 מיליאן דאלאר אין וועלסוויל'ס שטאטישע צענטער וועט גיבן א שטופ פאראויס פאר די עקאנאמיע פון די ראיאן און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר די איינוואוינער פון מיין דיסטריקט. עס דערפריידט מיך צו זעהן אז די סטעיט איז איבערגעגעבן צו די אויפלעבונג פון וועלסוויל און אנדערע קליינע קאמיוניטיס אין מערב ניו יארק."

**לענקעסטער מעיאר לין רודע האט געזאגט,** "די 4.5 מיליאן דאלאר אין NY Forward פינאנצירונג וועט ארויפלייגן די ווילעדזש אָוו לענקעסטער אויף די רעלסן צו די לאנג-ערווארטעטע עקאנאמישע ערהוילונג, און עס וועט גיבן פאר אונזערע איינוואוינער און אונזערע ביזנעסער א דערפרישטע געפיהל

פון האפענונג פאר לעכטיגערע טעג בעפאר אונז. מיר זענען אזוי דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען די אייגנארטיגע רייע שוועריגקייטן אין קליינע היסטארישע קאמיוניטיס און פארן צוטיילן די פינאנצירונג וואס וועט אונז העלפן אפהיטן די פארגאנגענהייט און אונז אויסהאלטן אריין אין די צוקונפט. מיר זענען אנטשלאסן צו זיין א ערפאלג פאר אונזער גאווערנער און פאר ניו יארק סטעיט, אויפווייזנדיג אז זייערע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען און אינציאטיוון ארבעטן צו טראנספארמירן קאמיוניטיס."

**וועלסוויל מעיאר רענדי שעילער האט געזאגט,** "די ווילעדזש אָוו וועלסוויל דאנקט גאווערנער האקול און ניו יארק סטעיט פאר די גרענט. מיר זענען דאנקבאר פאר די צוטרוי וואס איז געגעבן געווארן צו אונזער ווילעדזש אין די קומענדיגע טריט פון אונזער יעצטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג. די השפעה וואס די גרענט וועט האבן איז גאר גרויס און עס וועט געשפירט ווערן אין וועלסוויל פאר דורות."

די מערב ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Regional Economic Development Council) האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן פון קאמיוניטיס איבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען די פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלץ נאמינירטע:

- דאונטאון איז קאמפאקט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרעניצן;
- דאונטאון קען אויסניצן אויף פריערדיגע, אדער גורם זיין צוקונפדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אדער קומענדיגע פאסטן געוואוקס פון אינעווייניג אדער נאענט צו אזא דאונטאון וואס קען צוציהען ארבייטער, שטיצן איבער-אנטוויקלען און מאכן וואוקס שטאנדהאפטיג;
- דאונטאון איז אן אטראקטיווע און א וואוינארט קאמיוניטי פאר פילמיניגע באפעלקערונג;
- די מוניציפאליטעטן נעמט זיך אונטער, אדער האט די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט האט דורכגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו אהערשטעלן אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציאטיוון פאר אויפלעבונג פון די דאונטאון און קענען אריינגעלייגט ווערן אין א DRI סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;
- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו ווערן דורכגעפירט אויף די קורצע טערמין דורך א שטופ פון DRI פינאנצירונג געלטער; און
- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג און דורכפיירונג פון פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

לענקעסטער און וועלסוויל וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע שטאטישע צענטערן. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418